ביכער־פערלאַג „דער האמער".

אראנאוו.

די פּרינציפּען
פון
פּראָלעטארישען ציוניזם.

ווילנא.
דרוקעריי פון וויטווע און געברידער ראָם.
1906

Арновъ
Принципы пролетарскаго сіонизма.

Типографія «Вдова и братья Роммъ», Вильна,
уголъ Духовскаго и Глухого пер. соб. домъ № 1/2.
1906

די פּרינציפּען פון פּראָלעטאַרישען ציוניזם.

שטיל, אָהן רעש און געפּילדער איז אַרויסגעטראָטען דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם אויף דער קאַמפּף־סצענע פונ׳ם יודישען פּראָלעטאַריאַט פאַר׳ן סאָציאַליסטישען אידעאַל. די פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע בעוועגונג האָט זיך ענטוויקעלט סטיכיש פון זיך אַליין, כמעט אָהן דער ווירקונג פון דער אינטעליגענץ. בעזונדערע אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך געבילדעט אין פערשיעדענע פונקטען פון דער יודישער „טשערטאַ”, וואו ס׳געפינען זיך נאָר יודישע אַרבייטער־מאַסען, אָבער דיזע אָרגאַניזאַציעס האָבען קיין שום פערבינדונג ניט געהאַט איינע מיט דער אַנדערער, די טעאָריע איז ביי זיי נעווען, ווי ס׳פערשטעהט זיך, איינפאַך, ניט אַלזייטיג אויסגעאַרבייט, אינטעליגענץ זעהר ווייניג, דאַגעגען דער כח פון די געגנערס זעהר גרויס, מיר קענען זיך נאָר וואונדערען אויף דעם, דאָס, ניט קוקענדיג אויף די אַלע שטערונגען, איז דיזע בעוועגונג געוואַקסען אַ אין דער ברייט אי אין דער טיעף. דאָס אַליין איז אַ בעווייז, דאָס דער לאָזונג וואָס איז געווען אויפגעשריבען אויף דער פאָהן, וועלכע זיי האָבען אַזוי מוטהיג אויפגעהויבען, האָט פערענטפערט די לעבענספראַגען פונ׳ם יודישען פּראָלעטאַריאַט. און אויף דער פאָהן איז טאַקי געווען אויפגעשריבען, אַ חוץ די געוועהנליכע סאָציאַליסטישע לאָזונגען, אויך דער טעריטאָריאַליזם. אָט דיזער לאָזונג האָט ענטהאַלטען אין זיך אַזוי פיעל קראַפט, אַז ער האָט געקאָנט אויסהאַלטען דעם קאַמפף מיט׳ן „בונד”, „איסקרא” און מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פונ׳ם יודישען פּראָלעטאַריאַט, און האָט געבראַכט דערצו, אַז ס׳האָט זיך געבילדעט די „יודישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי פועלי ציון”.

אויף וועלכע טעאָרעטישע יסודות באַזירט דיזע פּאַרטיי? איידער מיר גיעבען אַן ענטפער אויף דיזע פראַגע מוזען מיר בע־

מערקען, דאָס די טעאָריע פון דער י. ס. ד. א. פ. „פּועלי ציון" האָט זיך אויסגעאַרבייט ביסלעכווייז, מדרגה'ת־ווייז, נאָכגעהענדיג טריט ביי טריט — אָפטמאָל אויך דורך ווידערשפּריכע — נאָך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּ־אָצעסען פון דער יודישער ווירקליכקייט, וועלכע זענען ביסלעכווייז קלאָר אויסגעפאָרשט געוואָרען. פינדעסטוועגען זענען דאָס רוב פון די גרונד־הנחות געבליעבען און בלייבען נאָך איצט אויך אונפערענדערט.

דאָס לעבען און די ווירקונג פון פּראָלעטאַריאַט פון דער נאַציאָן איז ענג פערבונדען מיט'ן אַלגעמיינעם מצב פון איהרע פּראָדוקטיוו־קרעפטען, מיט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געגעבענער נאַציאָן. די ענטוויקלונגס־מדרגה פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען ווענדט זיך אָן די ירושה, וואָס ס'האָט איבערגעלאָזען דער היסטאָרישער עבר, וועלכען דיזע נאַציאָן האָט דורכגעמאַכט. די מדרגות פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג זענען ניט ביי אַלע נאַציאָנען גלייך; איינִיגע נאַציאָנען האָבען שוין לאַנג דערגרייכ׳ט אַ געוויסע מדרגה פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, אין דער צייט, ווען אַנדערע נאַציאָנען האַלטען נאָך אין דערגרייכען דיזע מדרגה. אַזוי זעהען מיר, צ. ב. ש., דאָס דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אין פראַנקרייך פריהער ענטוויקעלט, איידער אין רוסלאַנד און האָט שוין געבראַכט די נויטיגע געזעלשאַפטליכע איבערקעהרענישען. דערמיט לאָזט זיך שוין ערקלערען די פערשיעדענהייט אין קאַמפף, בכלל אין דעם, וואָס מ'רופט אָן פּראָגראַם „מינימום" פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון אָט דיזע צוויי פעלקער, חאָטש ביידענס פּאַרטייען האָבען איין און דאָס זעלבע ענדציעל: די פערגעזעלשאַפטליכונג פון די פּראָדוקציאָנס־געצייג און אַ סאָציאַליסטישע מלוכה.

אויף אַזאַ אופן איז דער קאַמפף פונ'ם פּראָלעטאַריאַט פאַר'ן סאָציאַליסטישען אידעאַל ניט עטוואָס אַזוינס וואָס ס'איז אַבסטראַקט, אויסגעטראַכט, אָדער פון אויבען געבראַכט, נאָר ער איז, דאָס שטרעבען אָבצוראַמען די שטערונגען, וועלכע ליגען איהם אויפ'ן וועג. וואָס מעהר דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט בעקעמפפט אָט דיזע שטערונגען, ווערט זיין פּראָגראַם־מינימום אַלץ מעהר פערענדערט, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אַלץ שמעלער און קלענער, און אַלץ נעהנטער קומט ער צו זיין

ענד=אויפגאַבע. די נויטיגע כחות פאַר דיזען קאַמפּף שטעלט שוין דער פּראָצעס פון לעבען אַליין צו, און דעם פּראָצעס ווענדט זיך די פעסטקייט און טיעפקייט פונ'ם קאַמפּף, און די סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פּאַרטיי טוט נאָר דאָס אויף, וואָס זי אָרגאַניזירט אַט די סטיכישע קרעפטען, זי טראָגט אין זיי אַריין האַרמאָניע, סדר און פּלאַנמעסיגקייט.

די אָרדער יענע נצחונות פון אַ פּראָלעטאַ־ישער פּאַרטיי זענען ניט קיין שאַפענדע כחות פון דער היסטאָריע פונ'ם געגעבענעם פאָלק, נאָר אַ רעזולטאַט פון יענע כחות, יועלכע האָבען זיך צונויפגעקליבען ביז דיזען מאָמענט, און ייעלכע בעדינגען דיזע נצחונות.

מיר רעכענען, דאָס קיינער וועט ניט אָבלייקענען דעם פאַקט, אַז די יודישע היסטאָריע איז זעהר אייגענאַרטיג, מיר וואָלטען זאָגען, אַ יוצא מן הכלל, און דעריבער מוזען אויך איהרע פּראָדוקטיוו=קרעפטען און פּראָדוקציאָנס=בעציהונגען זיין אייגענעהמליכע. באמת איז ביי די פועלי=ציונים=טישע מאַסען שוין לאַנג קלאָר, דאָס אין זיין עקאָנאָמישען לעבען איז דאָס יודישע פאָלק אין גאַנצען אָבהענגיג פון יענע פעלקער, צווישען וועלכע ער לעבט. צוליעב דיזער אָבהענגיגקייט האָבען די יודען ערפילט נאָר יענע פונקציעס, וועלכע די אָרטיגע בעפעלקערונג, ניט האָבענדיג קיין פּאַסיגען קלאַס דערצו, האָט ניט געקאָנט ערפילען. אַזאַ פונקציע איז ביי יודען געוועזען די בורזשואַזע טהעטיגקייט. אויף אַזאַ אופן, האָט מען זיי צו די גרונד=פאָרמען פון ווירטשאַפטליכען לעבען ניט צוגעלאָזען, נאָר מ'האָט זיי אַריינגעשפּאַרט אין די ראַמען פון מסחר און וואוכעריי, ווייל צו דעם איז דאָס אָבגעשטאַנענע און אונוויסענדע פויערטום ניט פעהיג געווען, און די העכערע קלאַסען, וועלכע האָבען קאָמאַנדאָוועט מיט'ן פאָלק און איהם עקספּלואַטירט, האָבען זיך ניט גענויטיגט אין דעם, זיי האָבען נאָך אַפילו געהאַלטען פאַר די גרעסטע שאַנדע דערמיט זיך צו בעשעפטיגען. נאָר ביסלעכ=ווייז האָט זיך דאָס לאַנד עקאָנאָמיש ענטוויקעלט, איהר רייכקייט איז אַלץ מעהר געשטיגען — דערצו האָבען די יודען אַליין אַ סך מיטגעווירקט — און ווי ס'איז נאָר דורך דעם ענטשטאַנען

א שטאָדט=בעפעלקערונג, וועלכע איז שוין יאָ פעהיג געווען צו ערפילען די בורזשואַזע פונקציעס — זענען די יודען אַרויסגע=טריבען געוואָרען.

אָט דיזע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, און ניט דער רעליגיעזער שטרייט, ווי אַ סך מיינען, האָבען גורם געווען דערצו, דאָס די יודען האָבען אָפט געמוזט אַריבערטראָגען דעם צענטער פון זייער פאָלקס=לעבען פון איין לאַנד אין דאָס צווייטע, אָדער עס איז פאָרגעקומען, וואָס מ'רופט אָן, „מאַסען=עמיגראַציע". נאָכדעם ווי די יודען זענען, אויף אַזאַ אופן, דורכגעגאַנגען כמעט אַלע מערב=אייראָפּעאישע מדינות, ווי שפּאַניען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, זענען זיי ענדליך אָנגעקומען אין פוילען און פון דאַנען אין רוסלאַנד. דאָ האָבען זיי געהאַט די מעגליכקייט זיך צו בעזעצען און עקאָנאָמיש זיך צופּאַסען נאָר צוליעב דעם, וואָס מען האָט זיך אין זיי גענויטיגט, אַלס אין ערפאַהרענע הענדלער. נאָר ווי באַלד ס'האָבען זיך נאָר ענטוויקעלט די פּראָדוקטיוו=קרעפטען פון דיזע לענדער זענען די יודען געוואָרען איבעריג איבער צוויי סבות: ערשטענס, ווייל די אָרטיגע בעפעלקערונג קאָן שוין איבער=נעהמען זייער טהעטיגקייט, און צווייטענס, ווייל די ענטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם האָט בכלל אָנגעפאַנגען אַראָבצוטרייבען פון לעבענסעמאַרק די קליין=בורזשואַזע פונקציע, אַלס אַזעלכע. אָט דיזע אינטענסיווע אַרויסשטויסונג איז פאַר די יודען זעהר שווער צו בעקעמפּפען, און דערפאַר קומט=פאָר פאַר אונזערע אויגען יענער היסטאָרישער פּראָצעס, מיט וועלכען זיי זענען שוין לאַנג געפּרובט געוואָרען: דאָס מאַסען=אויסוואַנדערען פון אייראָפּאַ קיין אַמעריקאַ.

אַרויסשטויסונג און עמיגראַציע — דאָס זענען, אויף אַזאַ אופן, צוויי פּאָליוסען פון סאָציאַל=עקאָנאָמישען לעבען פון יודישען פאָלק. נאָר דיזע צוויי פּאָליוסען זענען צוגלייך פלאַנמעסיגע און אַקטיווע פאַקטאָרען פון זיין אייגענאַרטיגער היסטאָריע.

אָט דיזע אייגענאַרטיגקייט פון דער יודישער היסטאָריע האָט גורם געווען די אייגענאַרטיגע בעדינגונגען פון דער יודישער איצטיגער לאַגע, דעריבער מוז דאָס פּראָגראַם=מינימום פונ'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט ענטהאַלטען אין זיך ענטשפּרעכענדע ענדערונגען. „דער וויכטיגסטער פונקט פון דעם פּראָגראַם=מינימום

פון דער פּאַרטיי״, — לייענען מיר אין פּראָיעקט=פּראָגראַם פון דער י. ס. ד. א. פּ. „פּועלי ציון״ — „וועלכע צייכענט זי אויס פון אַנדערע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, איז די פאָדערונג פון אַ טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אויף דעמאָקראַטישע יסודות פאַר דעם יודישען פאָלק, אַלס אַ נויטווענדיגע בעדינגונג צו אַ נאָרמאַלער, אונגעשטערטער ענטוויקלונג פון זיינע פּראָדוקטיוו=קרעפטען״.

מ׳קען זאָגען, אַז אַלע מאָל, ווען עס ווערט נאָר געשטערט די ריכטיגע לעבענס=ענטוויקלונג פון אַ וועלכען ניט איז פאָלק, ענטשטעהט באַלד פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט פון דיזען פאָלק די נאַציאָנאַלע פראַגע. דעריבער זעהען מיר, דאָס דער פּראָלעטאַריאַט פון אונטערדריקטע נאַציאָנען שטעלט אַלע מאָל אַרויס נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. אין וועלכער הינזיכט שטעהט פאַר דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט די נאַציאָנאַלע פראַגע? ביים יודישען פּראָלעטאַריאַט איז די נאַציאָנאַלע פראַגע ענג פערבונדען מיט די בעדינגונגען און פאָרמען פון זיין קלאַסען=קאַמפּף, פון זיין סטראַטעגישער באַזע און מיט די פּראָלעטאַריזירונגס=בעדינגונגען. נ אָ ר א י ן ד ע ר ה י נ ז י כ ט, וו אָ ס ז יי ן ק ל אַ ס ע ן = ק אַ מ פּ ף ה אָ ט ג ר ויס ע מ נ י ע ות א ון א י ז נ י ט נ אָ ר = מ אַ ל, וו אָ ס ד י ז ע ר ק אַ מ פּ ף נ ע ה מ ט אָ ן ק ר אַ נ ק ה אַ פ ט ע אָ ב נ יי ג ו נ ג ע ן (א ו נ ג ע וו ע ה נ ל י כ ק יי ט ע ן), נ אָ ר א י ן ד י ז ע ר ה י נ ז י כ ט ש ט ע ה ט פ אַ ר׳ן י ו ד י ש ע ן פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט ד י נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פ ר אַ ג ע, וו אָ ס א י ה ר ש ור ש ג ע פ י נ ט ז י ך נ י ט א י ן א י ה ם ג ו פ א נ אָ ר א י ן ד י נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן א י ן וו ע ל כ ע ע ר ל ע ב ט. פון וואָס=זשע שטאַמט דאָס, וואָס זיין קלאַסען=קאַמפּף האָט מניעות?

די אונאָרמאַליטעט און די מניעות פון דער סטראַטעגישער באַזע שטאַמען דערפון, וואָס דער גאַנצער יודישער פּראָלעטאַריאַט איז קאָנצענטרירט איבערהויפּט אין האַנדוועלק און מאַניפאַקטור, און אפילו דאָס איז אויך נאָר אין דער ספערע פון האַנד=פּראָדוקציאָן. זיין אַרבייטס=קראַפט ווענדעט ער אָן נאָר אין׳ם געביעט פון אויסאַרבייטען געברויכסמיטלען, אָפּטמאָל אין די שעדליכסטע פאַר׳ן געזונד, ווי אין גאַרבעריי, טאַבאַק און שוועבעלאַך=פּראָדוקציאָן.

די טירען פון די גרויסע פאבריקען און זאוואדען זענען פאר איהם כמעט אין גאנצען פערשלאסען. אזא מין יודישע פראלעטאריזירונג וועלכע איז קאנסטאנטירט דורך וויסענשאפטליכע אויספארשונגען און סטאטיסטישע ציפער, שטאמט פון די קאפיטאליסטישע פארמען פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען. צוליעב דער אנארכיע, דעם תהו ובהו פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס-אופן קומט פאר אין אלע פראדוקציאנס-צווייגען א ברענענדיגער קאמפף פאר ארבייט ניט נאר צווישען איינצעלנע ארבייטער, נאר אויך צווישען גאנצע גרופען, און דאס רופט מען אן נאציאנאלע קאנקורענץ. א דאנק דיזער נאציאנאלער קאנקורענץ איז דער כאראקטער פון יודישען פראלעטאריאט א קליין-פראדוקציאנעלער. דערצו דארף מען נאך מוסיף זיין פאלגענדעס: ווי באלד די יודישע פראדוקטיוו-קרעפטען האבען זיך ניט ענטוויקעלט ארגאניש, טריט ביי טריט מיט זייער וואוכס, נאר זיי האבען זיך אפט ווי דורך קפיצת-הדרך אריינגעריסען אין די ספערען, וועלכע זענען פאר זיי פרעמד געווען, קאן מען פערשטעהען, דאס די יודישע ארבייטס-קראפט מוז אויך האבען דעמזעלבען מזל בנוגע צו איהר ענטוויקלונג: אי די אי יענע זייט פון זיין לעבען זענען ביי דעם איצטיגען מאמענט ניט ארגאניזירט, האבען ניט קיין פערשטייפונגס-צעמענט. און אויב צו דיזען כאאס, צו דיזער אונארגאניזירטהייט וועלען מיר נאך צוגעבען דאס, וואס דאס יודישע פאלק איז אומעטום א מיעוט, א מינדערהייט, דאן וועט מען זעהן קלאר, דאס „די ארבייטער-מאסע ווערט ניט אריינגעצויגען אין די פראלעטארישע רייהען פון די הערשענדע נאציאנען, וואס דורכדעם וואלט זי זיך עקאנאמיש אסימילירען, פערקעהרט, דורך דעם וואס זי ווערט ארויסגעשטופט פון די העכערע אסימילירענדע צווייגען, ווערט זי אקוראט ווי איינגעשפארט אין די ענגע ראמען פון דער יודישער נאציאנאלער ווירטשאפט. און אויפ'ן באזיס פון דער לעצטער בילדעט זיך נאר א מאנופאקטור-האנדווערקער פראלעטאריאט". אט דאס אלעס, צוזאמען מיט דער אינטענסיווער ארויסשטויסונג פון דער ארבייטער-מאסע (און דאס קומט ארויס פון דער אויבענדערמאנטער נאציאנאלער קאנקורענץ און פון דער ענטוויקלונג פונ'ם קאפיטאליזם, וועלכער איז א סם-המות פאר דער קליין פראדוקציאן) האט געבראכט דערצו, דאס ביי די יודישע ארבייטער מאסען קומט פאר אן עמיגראציע און סוואקסט אלץ

מעהר דאָס בעדערפניס צו געבען אַ וועלכען ניט איז ענטפער אויף דיזען פּראָצעס. אַזאַ לאָגיש־אויסגעהאַלטענער ענטפער איז דער טעריטאָריאַליזם, אַלס די איינציגע בעדינגונג, וועלכע גאַראַנטירט די פרייע און ערפאָלגרייכע ענטוויקלונג פונ'ם קלאַסען־קאַמפף פון יודישען פּראָלעטאַריאַט. אויף אַזאַ אופן, איז דער פּראָלעטאַריאַט, שטרעבענדיג צו זיין צוקונפטס אידעאַל—צום סאָציאַליזם, פעראינטערעסירט אין טעריטאָריאַליזם, וועלכער מאַכט איהם פריי דעם וועג פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע נצחונות—און פיהרט איהם צום סאָציאַליזם.

דערווייַלע ווערט אין די גלות־לענדער אַלץ גרעסער דער תהום צווישען דעם בעדערפניס צו פּראָלעטאַריזירען זיך און צווישען דער מעגליכקייט צו בעפרידיגען. צוליעב דעם פערגרעסערט זיך אַלץ מעהר די יודישע רעזערוו־אַרמעע, ווערען די רייהען פון לומפּען־פּראָלעטאַריאַט אַלץ מעהר פול מיט יודען, און צוזאַמען מיט דער אַרויסגעשטויסענער קליין־בורזשואַזיע זענען זיי גענויטיגט צו עמיגרירען, צו זוכען אין פרעמדע לענדער אַן'אַרבייטס־פּלאַץ. ביז איצט האָט זיך די עמיגראַציע געריכטעט נאָך אַמעריקא, אין אַ גרויס־קאַפּיטאַליסטישען לאַנד, וואו מ'האָט זיך נאָך גענויטיגט אין פרעמדע אַרבייטער־הענד. נאָר ביסלעכווייַז ווערט אויך דאָ דער אַרבייטער מאַרק איבערפולט און דער אָנבאָט הויבט שוין אָן איבערצושטייגען די נאָכפראַגע. עס ענטשטעהט אַ גרויסע רעזערוו־אַרמעע, און ס'איז שוין מעהר ניטאָ קיין בעדערפניס אין פרעמדע אַרבייטער־הענד. „דער ווידערשפּרוך צווישען דעם בעדערפניס איבערצוגעהן אין די העכערע פּראָדוקציאָנס צווייגען און צווישען דער אונמעגליכקייט דאָס צו דערגרייכען דורך דיזע קאָנצענטרירונג אין די גרויסקאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו די אויסאַרבייטונג פון פּראָדוקציאָנס מיטלען און בכלל אַלע ערשטער־שורה־דיגע סטאַדיען (אורסטאַדיען) פון ווירטשאַפטליכען פּראָצעס זענען שוין פאַרנומען דורך דער אָרטיגער בעפעלקערונג און דורך ניט־יודישע איינוואַנדערער — אָט דיזער ווידערשפּרוך רופט אַרויס דאָס בעדערפניס צו קאָנצענטרירען די עמיגראַציע אין אַזאַ לאַנד, וואו די יודישע עמיגראַנטען זאָלען קענען באַלד פאַרנעהמען די גרונד־סטאַדיען פון ווירטשאַפטליכען פּראָצעס" *) דער פאַר

* א נזער פלאטפארמע. פאסטאיאני.

בעמערקען מיר, דאס אין דער לעצטער צייט ריכטעט זיך שוין די עמיגראציע נאך אוינע לענדער, וועלכע זענען אבגעשטאנען אין זייער עקאנאמישער ענטוויקלונג, נאך אגרארע און האלבאגרארע לענדער. דאס איז וויכטיג אנצומערקען, אלס א נייען, ווענדונגס־מאמענט אים איבערטראגען דעם יודישען צענטער און אלס ד טענדענץ, וועלכע פיהרט צו דער רעאליזירונג פון ציוניזם, דען פאלעסטינא איז איינע פון יענע לענדער, וואוהין עס ריכטעט זיך און וואו עס מוז און קען זיך ריכטען די יודישע עמיגראציע.

אט דער געדאנק איז אויסגעדריקט אין 5־טען פונקט פון דעם אויבענדערמאנטען פראיעקט־פראגראם, וועלכער לויטעט: „דיזער איינוואנדערונגס־פראצעס פון יודען נאך פאלעסטינא איז א סטיכישער פראצעס, און ווערט ארויסגערופען דערפון, וואס אין די פריהערדיגע גרויס־קאפיטאליסטישע לענדער, וואוהין יודען פלעגען איינוואנדערען, ווערט פאר זיי אלץ שווערער און שווערער דער צוטריט צו די העכערע פראדוקציאנס־פארמען, אין דער צייט, ווען דאס בעדערפניס צו עמיגרירען ווערט ביי יודען ניט נאר ניט אבגעשוואכט, נאר עס ווערט נאך שטארקער אדאנק דער אינטענסיווער עקאנאמישער ארויסשטויסונג, וועלכע שטאמט פון דער נאציאנאלער קאנקורענץ. דעריבער ווערען איצט די יודען אלץ מעהר געגוויטיגט צו עמיגרירען קיין פאלעסטינא, אלס אין דאס איינציגע האלב אגרארע לאנד, וועלכעס בלייבט נאך אפען פאר דער יודישער קליין־קאפיטאליסטישער אימיגראציע". אין דיזע פראצעסען, וועלכע קומען פאר אויסערהאלב דעם בעוואוסטזיניגען ווילען פון די, וועלכע זענען גענוויטיגט איבערצובייטען זייער היים און אויך אויסערהאלב דעם ווילען פון די, וועלכע זענען גורם דערצו, וועלכע זענען אינבעוואוסטזיניג שולדיג אין דער ארויסשטויסונג פון דער יודישער ארבייטס־קראפט — אין דיזע פראצעסען האט דער יודישער פראלעטאריאט קיין אנדערע אויפגאבע ניט, א חוץ דעם רעוואלוציאנערען קלאסען־קאמפף. ער פערנעהמט זיך ניט מיט׳ן זוכען טעריטאריעס, זיין אויפגאבע איז ניט בעקומען א טשארטער און אויך ניט פיהרען א פאראויס־בעשטימטע קאלאניזאציע, ער נעהמט אויף זיך נאר „די פלאנמעסיגע רעגולירונג פון דעם איינוואנדערונגס־פראצעס פון די יודען נאך פאלעסטינא און די ערדייכונג פון טעריטאריאל־פאליטישע אויטאנאמיע

אין דעם לאַנד גופא. די ערווייטערונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע שטיצט זיך אויפ'ן סטיכישען איינוואַנדערונגס=פּראָצעס פון די יודען און ווערט פערווירקליכט דורכ'ן קלאַסען=קאַמפּף פון יודישען פראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינאַ מיט דער הילף פון יודישען פראָלעטאַריאַט אין גלות, אין דורך די דעמאָקראַטישע אַריינמישונג פון די קולטורעלע פעלקער אין די אינערליכע ענינים פון פּאַלעסטינאַ — וואָס ווערט אויך אַרויסגערופען דורכ'ן קלאַסען=קאַמפּף — און די אַלגעמיינע=ציוניסטישע אינסטיטוטען דאַרפען זיך נאָר בעשעפטיגען מיט'ן ערלייכטערען, רעגולירען און נאָך אַ אַ=ליזירען דעם סטיכישען איינוואַנדערונגס=פּראָצעס, שטיצענדיג זיך אויף די אויבענדערמאָהנטע פאַקטאָרען פון אינטערנאַציאָנאַלער פעראינטערעסירטהייט, פון געזעלשאַפטס=דעמאָקראַטיזירונג און אויף דעם וואוקס פון דעם יודישען נאַציאָנאַלען אַיינפלוס*)

אויף אַזאַ אופן שטעהט די פּאַרטיי אויפ'ן שטאַנדפּונקט דאָס דער פּראָצעס אַליין לעזט די אויפגאַבען וואָס שטעהען איהם פאָר. די אַרבייט פון'ם פּראָלעטאַריאַט איז נאָר, ווי אומעטום און אַלע מאָל, צו רעגולירען דיזען פּראָצעס, שטרעבען אַריינצוטראָגען אין איהם בעוואוסטזיין און פּלאַנמעסיגקייט. אין דיזער הינזיכט זענען דער קלאַסען=קאַמפּף אין די גלות=לענדער און דער קלאַסען=קאַמפּף אין פּאַלעסטינאַ ענג פערבונדען, אַ נאָבטיילבאַר.

אין גלות קעמפּפט די פּאַרטיי צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פאַר די דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט און דערמיט אַליין מאַכט זי שוין לייכטער איהר קאַמפּף פאַר'ן נאַציאָנאַלען אידעאַל, פאַר'ן טעריטאָריאַליזם, און מיט איהר קאַמפּף אין פּאַליסטינאַ ווירקט זי אויף די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו=קרעפטען פון דער טעריטאָריע און מאַכט דעמאָקראַטישער די פאָרמען פונ'ם נייעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

אַלס נאַציאָנאַלער אידעאַל אין גלות, וועלכער זאָל גאַראַנטירען דאָס מאַקסימום זעלבסטשטענדיקייט און זעלבסטבעשטימונג, איז די נאַציאָנאַל=פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, אַ יודישער סיים, „מיט

*) פּראיעקט פּראגראם III .6

אַנ'אַלץ אַרומנעמענדער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און פינאַנציעלער קאָמפּעטענץ אין אַלע אינערליכע נאַציאָנאַלע ענינים. נאָר „אַרויס־שטעלענדיג די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, אַלס די מאַקסימאַלע פאָרמול פון די יודישע נאַציאָנאַלע רעכטע אין גלות, בעטאָנט פונדעסטוועגען די פּאַרטיי, אַז דיזער אינסטיטוט דאַרף בשום אופן ניט בעטראַכט ווערען, אַלס דער איינציגער און נויטוועגדיגער וועג צום ציוניזם, און זי בעטאָנט ווייטער, אַז ביז דער רעאַליזירונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, קענען קיינע דעמאָקראַטישע אינסטיטוטען און קיינע נאַציאָנאַלע רעכטע נישט געבען קיין לעזונג דער יודענפראַגע"*).

און באמת איז דער סיים נאָר אַנ'אינסטיטוט, וועלכער בעשיצט פאָלשטענדיג די רעכטע פון יודישען פאָלק, אויף וויפיעל מיר בעטראַכטען די רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליסטישען אידעאַל אַלס אַ דויערענדען פראָצעס, — און איידער ס'וועט פערווירקליכט ווערען דיזער אידעאַל וועלען געוויסע מאַסען בלייבען אויף זייערע ערטער, און, ווידער אויף ווי פיעל דער סיים גיט די מעגליכקייט אויפ'ן בעסטען אופן צו רעגולירען די סטיכישע פּראָצעסען פון פאָלקס לעבען, אָבער ניט מעהר.

אין אַלע איבעריגע ענינים שפּיעלט דער סיים, ווי יעדער אינסטיטוט, וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט ערקעמפפט, ניט קיין זעלבסטשטענדיגע ראָלע, ער איז ניט קיין שאַפענדער פאַקטאָר און קען ניט אָבהאַלטען די רעאַלע געזעלשאַפטליכע קרעפטען־פּער־העלטניסע ביים יודישען פאָלק.

מיר זענען ניט מסכים מיט דער בעהויפּטונג, דאָס דער שורש פון דער יודענפראַגע געפינט זיך אין די פּאָליטישע פאָרמען פון יענע מלוכות, ביי וועלכע יודען וואוינען, מיר בעהויפּטען, דאָס די יודענפראַגע קומט אַרויס פון יענע מאַטעריעל־עקאָנאָמישע בעדינגונגען, אין וועלכע די יודען זענען געשטעלט; דערפאַר האַלטען מיר די יודען־פראַגע פאַר אַ וועלט־פראַגע, און (די שוועריגקייטען) די אוננאָרמאַליטעט פונ'ם קלאַסען־קאַמפּף

---

*) פּראָיעקט־פּאַראַגראַס II 4.

בעטראַכטען מיר אַלס אַנ'אַלגעמיינע צרה פונ'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט. דערפּ'ן שטאַמט עס, דאָס אַלע טיילען פון יודישען פּראָלעטאַריאַט, הגם זיי וואוינען אין פערשיעדענע מדינות, זענען פערראינטערעסירט אין איין אַלגעמיינעם ציעל, און עס בעשאַפען זיך די בעדינגונגען צו אַ געמיינזאַמען, פעראייניגטען קאַמפּף פאַר'ן טעריטאָריאַליזם.

און כדי אין דיזען קאַמפּף זאָל ניט זיין קיין אַבזונדערהייט, קיין צובּרעקלונג, נאָר, פערקעהרט, אַלע קליינע חלקים זאָלען זיך פעראייניגען אין איין גאַנצע, אום דורך די פעראייניגטע קראַפט צו ברייגגען דעם נצחון פון דעם אידעאַל, — מוז מען אָרגאַניזירען דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט אין איין אַלגעמיין-יודישען סאָציאַל-דעמאָקראַטישען פערבאַנד. דערפאַר „אָרגאַניזירט די פּאַרטיי דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינא, און פאַר אַ נויטווענדיגע פאָראויסזעצונג פאַר פּלאַנמעסיגע פּראָלעטאַרישע רעאַלע אַרבייט אין פּאַלעסטינא האַלט זי די שאַפונג פון אַנ'אַלוועלטליכען יודישען סאָציאַל-דעמאָקראַטישען אַרבייטער-פערבאַנד „פועלי ציון"*)

אויף אַזאַ אופן איז דער יודישער פּראָלעטאַריאַט פעראינטערעסירט אין זיין בעזונדערען פּראָגראַם-מינימום, אַלס אין דעם איינציגען מיטעל, וועלכער שטעלט פאַר איהם זיכער דעם פרייען וועג צום סאָציאַליזם. וואָס מעהר ס'ענטוויקעלט זיך זיין קלאַסען-קאַמפּף, וואָס מעהר ער דערקענט יענע סאָציאַלע הינדערניסען, וועלכע שטעהען איהם אויפ'ן וועג, אַלץ מעהר און מעהר וואַקסט דער בעוואוסטזיין פון דער נויטיגקייט אין זיין בעזונדערער פּראָגראַם-מינימום. דיזע הינדערניסען, מניעות, דריקען זיך אויס אין דער אוננאָרמאַלקייט פון דער סטראַטעגישער באַזע (קאַמפּפס פּלאַץ) פון יודישען פּראָלעטאַריאַט און אין דער פּראָלעטאַריזירונג וואָס ענטשפּרעכט ניט דעם בעדערפנים אין דעם ביי די רואינירטע יודישע מאַסען. אויף דעם באָדען וואַקסט אויס אַ קאָנפליקט, וואָס טראָגט אַ סטיכישען כאַראַקטער און וועלכער רופט אַרויס אויך אַ סטיכישען

*) פּראָיעקט פּראָגראַם V.

עֶמִיגראַציאָנס—פּראָצעֶס. דיזעֶ עֶמִיגראַציע נעֶהמט אָן אַ טעֶנדעֶנץ זיך צו קאָנצעֶנטרירעֶן אין פּאַלעֶסטינאַ, אַלס אין יעֶנעֶם לאַנד, אין וועֶלכעֶן עֶס ליעֶגט אַנ׳ערבות פאַר די פריִיעֶ עֶנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעֶפטעֶן פונ׳ם יודישעֶן פאָלק.

דאָס איז אין אַלגעֶמיינעֶ שטרִכעֶן דאָס פּראָגראַם פונ׳ם פּראָ־לעֶטאַרישעֶן ציוניזם.